בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' בהר | אור ליום ו' אייר | תשע"א | פסחים: נ"ג.

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר מרדכי מענדל גוטמאן הי"ו פון וויליאמסבורג.

## הגה"צ גאב"ד מחזיקי הדת אנטווערפן שליט"א באזוכט ביי הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וומסב"ג שליט"א

הגה"צ רבי אהרן שיף שליט"א גאב"ד אנטווערפן וועלכער ווײלט אצינד דאהי אין ניו יארק לרגל וואס דער רב שליט"א וועט אי"ה באשיינען דעם מארגן'דיגער דינער לטובת דעם הייליגן און בארימטן מוסד רופא חולים אין וויליאמסבורג אלס נואם הכבוד, האט היינט נאכמיטאג באזוכט ביי הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א ווי עס איז פארמירט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה.

דערנאך האט דער רב שליט"א איינגעלאדעט דעם אנטווערפנ'ער רב שליט"א צו קומען באזוכן דעם בנין מקוה טהרה החדש דקהלתינו הק' וועלכער ווערט אצינד געבויעט אין ניי וויליאמסבורג געגנט ווי דער חשובע'ר גאסט איז נתפעל געווארן פון די געוואלדיגע הידורים און חומרות וואס ווערט דארט ארייגעלייגט.

## דרשות ה' אייר בקהלתינו הקדושות

א גרויסער ציבור בלעיה"ר האבן זיך נעכטן נאכט פארזאמעלט בבית מדרשינו הגדול אין בארא פארק ווי הר"ר שמואלשלמה טעללער שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א טרעפליכע און אינהאלטסרייכער דרשה בעניני היום המר והנמהר ה' אייר.

אין בית מדרשינו בית שמואל בנימין שע"י התאחדות אברכים אין מאנטריאל איז נעכטן - זונטאג נאכט פאהרגעקומען א דרשת פתיחת הזמן וואו הרה"ג ר' בנציון לאוב שליט"א מו"ץ בקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג ומרבני וועד משמרת חומותיך ירושלים האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה לרגל פתיחת הזמן, און אויך גערעדט בעניני ציונות ואביזריהו.

א גרויסער ציבור האט זיך באטייליגט ביי די דרשת התעוררות וועלכער האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם ביי די באטייליגטע.

פריער אין טאג האט דער חשובער גאסט שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשת הנהגת הבית פאר אלע אינגעלייט חברי קהלתינו וואס האבן חתונה געהאט אין די לעצטע יארן.

↫•↬

## מסיבת מאור עינים היינט נאכט אין קרית יואל

היינט נאכט קומט פאהר אין קרית יואל א ספעצילער מסיבת "מאור עינים" וועלכער ווערט ארנזשירט דורך הרבני הנגיד מוה"ר שמעון משה קפעטש הי"ו להחזקת ישיבת מאור עינים בירושלים עיה"ק על טהרת הקודש וועלכער איז עומד בנשיאות האדמו"ר מ'ראחמסטריווקא שליט"א.

דער מסיבה קומט פאהר אין זאל פון קרן ויואל משה ווי א גרויסער ציבור איז זיך אצינד משתתף מחזק צו זיין די וואס זענען נישט נהנה משלחן איזבל.

↫•↬

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**